


# קעש הילף & טשיילד סופארט | וואס איר דארפט וויסן

## וויאזוי קעש הילף און טשיילד סופארט זענען פארבינדן

קעש הילף אפליקאנטן און געניסער מיט א מינדעריעריגע קינד אויף זייער קעש הילף בודזשעט (און מיט די אנדערע עלטערן וועלכע וואוינט אין אן אנדערע הויזגעזינד), דארפן אנטיילנעמען אין אן אינטערוויו מיט די NYC אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS). איר וועט געבעטן ווערן אונז צו געבן אינפארמאציע וועגן די אנדערע עלטערן, אנגערופן אלס די "נאן-קאסטאדיעל עלטערן". דאס וועט העלפן OCSS ברענגען דעם קעיס צום פאמיליע געריכט צו פעסטשטעלן עלטערנשאפט און א טשיילד סופארט באפעל אויב עס איז נאכנישט דא איינס.

איר קענט ערהאלטן ביז צו $200 א מאנאט אין צוגאב פון אייער בענעפיט סומע אויב די אנדערע עלטערן מאכט באצאלונגען פון כאטש $200 ($100 אויב איר האט נאר איין קינד). עס קען נעמען אומגעפער 8 מאנאטן פאר באצאלונגען זיך אנצופאנגען, געוואנדן אויף די איינצלהייטן פון אייער קעיס. נאך געלט געזאמלט פון די אנדערע עלטערן אויף די טשיילד סופארט קעיס וועט ווערן גענוצט צוריקצוצאלן די קעש הילף בענעפיטן וואס איר און אייער פאמיליע האבן ערהאלטן.

⚠ איידער איר גייט צו אייער אפוינטמענט, ביטע ליינט סיי "**LDSS-4279 מעלדונג פון פאראנטווארטליכקייטן און רעכטן פאר סופארט**" און "**W-280a אינפארמאציע פאר אלע מעגליכע טשיילד סופארט אפליקאנטן איבער באקומען טשיילד סופארט זיכערהייט**". אויב איר האט סיי וועלכע זיכערהייט זארגן נאכן ליינען די דאקומענטן, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער FIA ארבעטער, וואס וועט אייך רעפערירן צו אן HRA דאמעסטישע געוואלדטאט לעיזאן. צוזאמען קענט איר באשליסן אויב טשיילד סופארט איז זיכער פאר אייך און אייער פאמיליע.

קאפיעס און איבערזעצונגען פון דאס און אלע רעפערירטע דאקומענטן זענען אוועילעבל אויף https://on.nyc.gov/custodialparent אדער נוצט די QR קאוד אונטן.

## קאנסעקווענצן פון נישט אויספאלגן

אייער בענעפיטן קענען פארמינערט ווערן אויב איר ארבעט נישט צוזאמען מיט די טשיילד סופארט פראגראם.

- אייער קעש הילף בענעפיט קען פארמינערט ווערן מיט כאטש 25%;
- איך קענט פארלירן Medicaid פאר זיך, נישט די קינד(ער)
- איר קענט ווערן אומבארעכטיגט פאר געוויסע רענטאל הילף פראגראמען אדער האבן אייער רענטאל סאפלעמענט פארמינערט;
- איר וועט נישט ערהאלטן ביז צו $200 א מאנאט אין טשיילד סופארט באצאלונגען אין צוגאב צו אייער קעש הילף בענעפיט - און מער איינמאל די קעש הילף קעיס ווערט פארמאכט.

צוריקצובאקומען אלע בענעפיטן, דארפן עלטערן ארבעטן כסדר מיט טשיילד סופארט, דורכאויס ביזנעס שטונדן. פארבינדט זיך מיט אן OCSS באַרא אפיס אויסצוגעפונען וויאזוי איר קענט צוריקבאקומען אלע בענעפיטן. זעט https://on.nyc.gov/contactocss פאר אפיס לאקאציע.

## די טשיילד סופארט פראצעדור

די טשיילד סופארט פראצעדור פאנגט זיך אן מיט די ערשטע פארלאנגטע אינטערוויו מיט OCSS.




**אפמאכן**

ווילט איר פארמינערן אייער צייט אין פאמיליע געריכט און וויסן די איינצלהייטן פון די טשיילד סופארט באפעל איידער אייער געריכט דאטום? ליינט וועגן אפמאכן אויף **https://on.nyc.gov/custodialparent**.

קאפיס און איבערזעצונגען פון דאס און אלע רעפערירטע דאקומענטן זענען אוועילעבל אויף **https://on.nyc.gov/custodialparent** אדער נוצט די QR קאוד אונטן.

## טשיילד סופארט רעכענונג

די פאמיליע געריכט באשליסט וויפיל די אנדערע עלטערן דארף באצאלן באזירט אויף זייער איינקאם און וויפיל קינדער איר האט צוזאמען. די סומע איז באזירט אויף פארשריפטן געשטעלט דורך ניו יארק סטעיט און ווערט אריינגעשריבן אין א לעגאלע דאקומענט גערופן א טשיילד סופארט באפעל. די געריכט באפעל פארלאנגט די אנדערע עלטערן זאל באצאלן א געוויסע סומע געלט אויף א באשטימטע סקעדזשול. OCSS באשליסט נישט די סומע פון טשיילד סופארט. דורכאויס די הירינג, קען א באפעל פון פאטערשאפט/עלטערנשאפט אויך ווערן פעסטגעשטעלט, וועלכע שטעלט די נאמען פון די אנדערע עלטערן אלס די קינד'ס לעגאלע פאראנטווארטליכע עלטערן.

## דורכגאנג באצאלונגען ערקלערט

אויב עס איז דא א טשיילד סופארט געריכט באפעל בשעת אייער קינד באקומט קעש הילף, וועט די טשיילד סופארט באצאלונגען זיין שולדיג צו די דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (DSS) צוריקצוצאלן די קעש הילף בענעפיטן אייער פאמיליע באקומט. פונדעסטוועגן, אויב טשיילד סופארט ווערט געזאמלט, וועט איר באקומען א באנוס אדער "דורכגאנג" אין צוגאב צו אייער קעש הילף באצאלונג, וועלכע וועט ווערן צוגעלייגט צו אייער EBT קארטל. דורכגאנג באצאלונגען רעכענען זיך נישט אלס איינקאם אנטקעגן די SNAP טייל פון די קעיס.

- איין קינד: איר וועט געגעבן ווערן די ערשטע $100 פון טשיילד סופארט באצאלונגען געזאמלט יעדע מאנאט.
- צוויי אדער מער קינדער: איר וועט געגעבן ווערן די ערשטע $200 פון טשיילד סופארט באצאלונגען געזאמלט יעדע מאנאט.

אויב די אנדערע עלטערן געבט אייך געלט בשעת איר באקומט קעש הילף, דארפט איר דאס געבן פאר די HRA. האלטן די טשיילד סופארט באצאלונגען ווערט גערעכנט אלס וועל-פעיר שווינדל.

## נאך אייער קעש הילף קעיס פארמאכט זיך

ווען איר הערט אויף צו באקומען קעש הילף וועלן אלע יעצטיגע טשיילד סופארט באצאלונגען ווערן געשיקט צו אייך. איר וועט ווייטער באקומען טשיילד סופארט אינפארסירונג סערוויסעס אן קיין קאסט צו אייך.

קאפיעס און איבערזעצונגען פון דאס און אלע רעפערירטע דאקומענטן זענען אוועילעבל אויף https://on.nyc.gov/custodialparent אדער נוצט די QR קאוד אונטן.